# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

ויצא
תשפ"ג לפ"ק
גליון רמ"ח



## פראגע

**אויב אלעס איז פאר די תועלת פונעם מענטשן, וויאזוי זענט איר מסביר דעם פאקט אז איינער האט געוואלט שטייגן אין רוחניות אבער איז צוריקגעהאלטן געווארן צוליב מצבים וואס איז נישט אין זיין קאנטראל? לאמיר זאגן ער האט געוואלט ווערן א תלמיד חכם, אבער די מצב ארום האט עס נישט ערלויבט. אויב אלעס איז מן השמים, וויאזוי ערקלערט איר עס?**

## ענטפער:

**דאס** איז וויאזוי איך ערקלער עס: אז עס איז מן השמים.

צומאל איז עס שעדליך פאר א מענטש צו ווערן א למדן. צומאל איז עס נישט גוט פאר'ן מענטש צו ווערן א תלמיד חכם; עס קען זיין די ערגסטע זאך פאר אים.

איך וועל אייך געבן א ביישפיל. תורה איז צוגעגליכן צו וואסער. יעדער קען דעם משל. יעצט וואס מאכט זאכן וואקסן. אויב דו וועסט נעמען וואסער און ארויסשפאצירן אין הויף און באוואסערן דארט אלעס, קען זיין אז דו באוואסערסט אויך דערנער און ווילדע גראזן. צומאל קען עס אויך זיין גיפטיגע געוויקסן. וואסער וועט דיר נישט מאכן וואקסן קיין רויזן און פיטשעס. וואסער וועט בלויז מאכן וואקסן דאס וואס עס איז שוין איינגעפלאנצט דארט.

במילא ווענד זיך עס אין דיר. אויב האסטו דערנער, אויב האסטו א געמיינע נאטור, ביזט א בעל גאוה, האסט שלעכטע מדות, דאן אויב וועט מען עס באוואסערן מיט תורה וועסטו ווערן א למדן וואס איז א סכנה, א למדן וואס איז מחלל שם שמים, דו וועסט ווערן א תלמיד חכם וועמענ'ס התנהגות פארשעמט די נאמען פון די תורה. במילא ווען דער אויבערשטער זעט אז עס קומט אים נישט, מאכט ער אים אויפהערן לערנען. ער מאכט אז עס זאלן געשען זאכן וואס וועלן אים אפהאלטן פון לערנען.

אודאי איז עס מן השמים. אזוי ווי עס שטייט **"יהב חכמה לחכימין"** – ער גיבט חכמה פאר די קלוגע. דער באשעפער גיבט תורה צו די וועלכע וועלן עס ריכטיג באהאנדלען. און די גמרא גיבט א ביישפיל: ווען א מענטש גייט אין "מבואות המטונפים", אין אומריינע גאסן – צומאל פלעגט זיין מיסט אין די אומריינע געסלעך – איז ווען ער גייט דורך די געסלעך רעדט ער נישט קיין דברי תורה, ווייל עס איז נישט קיין כבוד פאר די תורה. דעמאלטס זאגט הקב"ה: "דער מענטש ווייסט וויאזוי צו מכבד זיין מיין תורה! איך גיי אים געבן מער תורה."

אבער לאמיר זאגן עס איז דא א מענטש וואס זיצט אויף א באס און גלייך נעבן אים זיצט א יונגע שיקסע מיט אויפגעדעקטע פיס; טראגנדיג קורצע קליידער אין די זומער. איך בין אמאל געווען אין אזא סיטואציע. א מענטש איז געזעסן נעבן מיר און פארנט פון אונז איז געזעסן א יונגע פרוי מיט נאקעטע פיס, און דער מענטש האט גערעדט צו מיר דברי תורה און איך האב נישט געענטפערט.

ער האט געפרעגט "וואס גייט פאר? איר הערט נישט וואס איך רעדט?" דאס האט ער געזאגט צו מיר. ער איז געווען אן עלטערער איד, איך האב אים נישט געוואלט פארשעמען. אבער איך האב נישט גערעדט. אזא מענטש קומט נישט צו האבן תורה, ווייל ער רעדט דברי תורה כנגד הערוה. ער איז נישט מכבד די תורה, ווייל ער רעדט ווערטער פון תורה וואו מען טאר נישט.

דערפאר באקלאגט נישט אייביג דעם פאקט אז א מענטש האט נישט געהאט דעם געלעגנהייט צו לערנען. צומאל איז עס א ברכה פאר אים. כדי זוכה צו זיין צו תורה פעלט אויס זיך צו מאכן פאר אן **אכסניא של תורה**; מען דארף האבן א געוויסע סומע פון פערזענליכקייט וואס איז צוגעפאסט פאר תורה.

אודאי דארפט איר אויך זיין געווארנט פון זיך אפרעדן אומזיסט. עס קען זיין אז עס איז בלויז א תירוץ. עס קען

זיין אז איר האט יא געלעגנהייטן צו לערנען, און אויב וואלט איר אויסגענוצט די געלעגנהייטן וואס איר האט, וואלט אייך הקב"ה געגעבן מער. אבער אויב איר פארנאכלעסיגט די געלעגנהייטן וואס איר האט, פארלירט איר אפילו יענע געלעגנהייטן.

**"כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ"** – אויב א מענטש נעמט אויף זיך דעם יאך פון לערנען תורה, דאן נעמט מען אוועק מן השמים פון אים אנדערע חיובים און זיי געבן אים מער געלעגנהייט צו לערנען. אבער **"כל הפורק ממנו עול תורה"** – אויב ער ווארפט אראפ פון זיך דעם יאך פון תורה, נעמט הקב"ה אוועק די געלעגנהייט פון אים. עס איז א שטראף.

דאס מיינט אז ער האט געלעגנהייטן. יעדער האט געלעגנהייטן. ער האט פרייטאג צונאכטס. ער האט שבת אינדערפרי בעפאר'ן דאווענען, שבת אגאנצן טאג. ער האט מוצאי שבת. אסאך מענטשן האבן זונטאג אגאנצן טאג. איר האט חגאות, איר האט וואקאציע צוויי וואכן. אויב מענטשן וואלטן ווען אויסגענוצט די געלעגנהייטן, וואלט איר געווען איבערראשט פון די רעזולטאטן וואס עס קען געשען. דער באשעפער וועט זיי געבן מער און מער צייט.

אבער אויב א מענטש באקלאגט זיך, "אוי ווי אז איך דארף ארייננגיין אין פרנסה, איך קען נישט זיצן און לערנען אגאנצן טאג," ווען באמת האט ער דעם גאנצן זונטאג, ווען באמת האט ער דעם גאנצן מוצאי שבת – אין די ווינטער איז עס פיר שעה. שבת נאכמיטאג פיר שעה אין די זומער. ער נוצט עס נישט. איז וואס ערווארט ער? ער גייט דאס אויך פארלירן. צום סוף וועט ער די צייט אויך נישט האבן. (#263)

פראגע

# פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אז מענטשן דארפן טראגן שיך אבער חיות דארפן נישט?

**ענטפער:**

**יעצט**, דאס איז נישט בלויז א שאלה וועגן טראגן שיך. מענטשן דארפן אסאך זאכן וואס חיות און בהמות דארפן נישט. א קאץ קען גיין צום אפליוף-רער און טרונקען וואסער. איר קענט עס נישט טון. קעץ טראגן אויך נישט קיין ברילן. מענטשן דארפן האבן מער זאכן פאר א צוועק. און דער צוועק איז כדי זיי זאלן דארפן בעטן השי"ת ער זאל זיי העלפן. די ציל איז צו שרייען צום אויבערשטן, "באשעפער, העלף מיר."

אויב א מענטש וואלט געווען ווי א קאץ וואלט ער זיך געקענט אן עצה געבן מיט זייער אסאך זאכן, אבער הקב"ה וויל אים ערוועקן צו שרייען צו אים. דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן האבן מחלות וואס באשעפעניש האבן נישט – כדי מיר זאלן שרייען צום אויבערשטן. און דאן ווען מיר ווערן בעסער זאלן מיר שרייען צום אויבערשטן מיט הכרת הטוב.

דאס איז אויך די סיבה פארוואס מיר דארפן קליידער. מיר שרייבן צום אויבערשטן, "באשעפער, איך דארף א קלייד." און דאן ווען מען באקומט דאס קלייד, דארף מען דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם. אבער לאמיר זאגן אויב א פעלץ וואלט געוואקסן אויף דיר, און מען וואלט קיינמאל נישט געדארפט קויפן גארנישט; וואלטן מיר נישט געזאגט "מלבוש ערומים."

איך האב מורא עס צו זאגן, אבער היינט צו טאגס קען זיין אז אפילו ווען מען זאגט די ברכה טראכט מען נישט וואס מען זאגט. מיר זאגן "מלבוש ערומים" יעדן טאג, "ער באגליידעט די נאקעטע." צי שטעלט איר זיך אפ טראכטן? מען דארף טראכטן. קוק וואו וואונדערבאר עס איז. איר האט קנעפל-לעכער דא מיט א זוים ארום דעם. איר האט דא קנעפלעך. איר האט טאשן וואס האבן אן אונטערשלאג (lining). א קלייד איז א געוואלדיגע המצאה. עס איז וואל געשפינט אלס א פאדים, און די פאדים איז געשפינט און עס איז געוועבט. עס איז וואונדערליך. און עס איז אויך קאלירט, שווארץ אדער עפעס אן אנדערע קאליר.

נישט קיין חילוק וויפיל כח איר וועט ארייננליגן, האט איר נאכנישט ערפילט די פולע הכרת הטוב פאר אייערע קליידער. ווען איר שטודירט אייערע קליידער ווערט ער מער און מער פרייליך מיט זיי, און דאס אלעס איז אריינגערעכנט אין מלבוש ערומים. דאס איז די סיבה פארוואס השי"ת האט אונז געגעבן קליידער, און ער האט אונז נישט געגעבן א פעלענע מאנטל צו וואקסן אויף די הויט.

און דאס איז די סיבה פארוואס מיר דארפן אלעס. מענטשן דארפן מער זאכן ווי באשעפעניש, מענטשן זענען אויסגעשטעלט צו מער מחלות ווי חיות, כדי זיי זאלן שרייען צום אויבערשטן. דאס איז דער ציל. עס איז א גרויסע פונדעמענטאלע יסוד. אונזער ציל אין לעבן איז זיך צו דערמאנען וועגן דעם אויבערשטן, און די זאכן וואס מיר דארפן, דארפן מיר זוכן דערמאנען פון השי"ת. (#898)

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com


באשיינט אייער
שמחה,
שבת התוועדות
- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות
קאסטום לויט אייער געשמאק
נֹעַם שַׁבָּת
פרשת שמיני
שבת התוועדות
של
משפחת פישער
קראון פלאזא האטעל
בעזהשי"ת
זמירות לשבת
עם ניגונים ושירים באידיש
שבת שבע ברכות
של
עקיבא ורחל ברכה
שלעזינגער
סידור
לשבת קודש
חומש
לפ' כי תצא
שמחת העלי' לתורה
של החתן
שלמה פריעד
צו באשטעלן רופט:
מערכת להתענג 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**